Opłata pocztową uiszczoną ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטיאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 9/1304 | לאדז, דינסטאג, יז טבת תרפ״ח | זעקסטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek 10 Stycznia 1928 r. | Nr. 9/1304

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71-24.

# צוזאמענפאהר פון וואיעוואדעס

## עפענט זיך היינט אין ווארשא.

ווארשא, 9. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין צוזאמענהאנג מיט די פארשטעהענדע וואהלען, וועט מארגען (היינט) אונטער׳ן פארזיץ פון אינערן-מיניסטער סקלאדקאווסקי פארקומען א נ׳איינטאגיגער צוזאמענפאהר פון די וואיעוואדעס. אינ׳ם צוזאמענפאהר וועלען אנטייל נעהמען 16 וואיעוואדעס און דער ווארשאווער רעגירונגס-קאמיסאר. דעם צוזאמענפאהר וועט עפענען דער וויצע-פרעמיער בארטעל.

## דימאווסקי ווערט בעפרייט אויף קויציע.

ווארשא, 9 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט איז אין אפעלאציע-געריכט בעטראכט געווארען די אפעלאציע פונ׳ם בעקאנטען „ראזוואי"-העלד, געוועזענער דעפ. דימאווסקי, וועלכער איז ארעסטירט געווארען פאר א רייהע מיסברויכען.

דאס אפעלאציע-געריכט האט בעשלאסען צו בעפרייען דימאווסקי׳ן אויף קויציע פון 100.000 זלאטיס.

## סוחרים בעראטען זיך...

### זיצונג זעהר א שטורמישע און די פערהאנדלונגען ווערען געהאלטען שטרענג בסוד.

ווארשא, 9. (טעלעפאניש). היינט אין אווענד איז אין סוחרים - פעראיין פארגעקומען א זיצונג פון פרעזידיום פון הויפט-ראט. די זיצונג האט געטראגען זעהר א שטורמישען כאראקטער. דער געוו. סענאטאר טרוסקער האט עטליכע מאל פערלאזט די זיצונג און זיך ווידער אומגעקעהרט. ס׳האט געזאלט אנגענומען ווערען א שטעלונג צו דער פראגע וועגען די סיים-וואהלען. די זיצונג איז ערקלערט געווארען פאר שטרענג פערטרויליך. 1 א זייגער דויערט נאך די זיצונג.

---

## פונ׳ם אונטערוואסער-שיפעל זענען ארויסגעצויגען געווארען 17 קערפערס.

ניו-יארק, 9. (ספ. טעל.) פון דעם דערטרונקענעם אונטערוואסער-שיפעל איז געלונגען ארויסצובעקומען 17 קערפערס. ס׳איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז די מאשין-אפטיילונג, וואו די טויטע זענען געפונען געווארען איז נישט פערנאסען געוועזען מיט וואסער.

דאס וואסער האט זיך אהין ארייינגעקריגען ערשט דעמאלט, ווען די טויכער האבען געעפענט די ווענטילען. די מאטראזען פון דער מאשין-אפטיילונג זענען פער׳סמ׳ט געווארען פון די גאזען.

## מערקווירדיגע באהן-קאטאסטראפע אין האלאנד.

### פאסאזשיר-צוג ארייינגעפאהרען אין געביידע פון באהן-הויף—1 דער׳הרג׳עטער 5, פערוואונדעטע.

אמסטערדאם, 9 (ספ. טעל.) נעכטען ביינאכט האט אין זאנדוואארט א פאסאזשיר צוג צוליב א שלעכט אנגעשטעלטען וועקסעל ארויסגעפאהרען אויף דער געביידע פון באהן-הויף. דער צוג וואס איז געגאנגען מיט א שנעלקייט פון 35 קילאמעטער, האט דורכגעבראכען דעם מויער און איז ארייינגעפאהרען אין איינעם פון די ביורא-צימערען.

דער לאקאמאטיוו און 2 פאסאזשיר וואגאנעס זענען ערנסט בעשעדיגט געווארען. דער מאשיניסט איז שווער פערוואונדעט געווארען, איין פאסאזשירין איז אומגעקומען 4 זענען פערוואונדעט.

## מאשינען אנשטאט מענשען

### ווערען איינגעפיהרט אין דער ענגלישער ארמעי.

לאנדאן, 9 (ספ. טעל.) „סונדאי קראניקל" טיילט מיט, אז אינ׳ם פארגעברייטערטען ביודזשעט פון גרויס-בריטאניען איז פאראויסגעזעהען א בעדייטענדע פערקלענערונג פון דער ענגלישער ארמעי.

די דאזיגע פערקלענערונג איז פערארזאכט געווארען מיט שפארזאמקייט-מאסיוועז און איז מעגליך צוליב דער מעכאניזאציע פון ענגלישען קריגס-מיניסטעריום.

ביי די לעצטע מיליטערישע מאנעווערס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז א דאנק די פארשריטען אין דער ארגאניזאציע פון דער ארמעע קען פערקלענערט ווערען די זעלנער-צאהל נישט אפשוואכענדיג דערביי די קאמספעהיגקייט פון דער ארמעע.

## נאר פאר פוילישע בירגער...

ווארשא, 9. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). פון א רייהע שטעט זענען דערהאלטען געווארען ידיעות, אז די מאגיסטראטען האבען בעשטימט סובסידיעס פאר די גמילת-חסדים-קאסעס. איצט איז אנגעקומען א ידיעה, אז די סטאראסטעס אין קאוועל, קארעץ און אסטראוו האבען מיטגעטיילט די פערוואלטונגען, אז די הלואות פון די דאזיגע פאנדען קענען דורך די גמילת-חסדים-קאסעס ארויסגעגעבען ווערען נאר פאר פוילישע בירגער.

---

W dniu 8 stycznia r. b. zmarł, przeżywszy lat 40

**ś. p.**

# JAN PURTAL

wieloletni sekwestrator Magistratu m. Łodzi.

W zmarłym tracimy sumiennego i oddanego sprawom samorządu pracownika, to też szczery żal pozostanie po Nim na zawsze.

**MAGISTRAT m. ŁODZI**

**Wydział Podatkowy.**

367

ייִדישע שול - ארגאניזאציע אין פוילען, אפט. לאדזש.

זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטש 20.

היינט, דינסטאג, דעם 10 יאנואר, האלב 9 א זייגער אין אווענד א פארלעזונג פון בעקאנטען דיכטער און דראמאטורג

**פרץ הירשביין**

א. ד. ט.: „בינע, יאפאן און אינדיע"

בילעטען צום פרייז פון 50 גר. ביז 1.50 צו בעקומען אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען, אין די געוועלבער פון די ארבייטער-קאאפעראטיוען, אין ארבייטער-ווינקעל פאלודניאווא 20, אין דער באראכאוו-שול ציגעל-גאס 26, מעדעם-שול ציגעל-גאס 17, און טאג פון פארלעזונג פון 10 א זייגער ביי דער פילהארמאניע-קאסע.

**כ׳וויל קויפען**

איז לאדז א חלק-הויז, וואס זאל בעשטעהן פון א געוועלב און 1 אדער 2 שטובען און קוך אין צענטרום שטאט אויף גוטע בעדינגונגען. מעקלערס נעדאוגשען. צו וויסען צו געבען ביי קלאר, נאוואמיעסקא 8.

369

ס׳ווערט געזוכט

**א האנד-מענש**

צו טישלער-ארבייט.

שקאלנא 16.

398

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דעם ה׳ **יצחק קופערבלום** (סעקרעטאר פון דער שוהל „גמילת חסדים", קעלמא 15), צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

**נ. ע. מיטה לאה**

זאל איהר די ערד גרינג זיין!

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג און מתפללים פון דער שוהל

**„גמילת חסדים", קעלמא 15.**

370

